# סצענע 4 א'
# Escena 4 A
## אין מאַרק
## En el mercado

זעליג - גוט מאָרגן, הער פאַנטשאָ.
פאַנטשאָ - גוט מאָרגן, הער זעליג, וואָס מאַכט איר ?
זעליג - אוי, עס וואָלט געקענט זײַן בעסער.
פאַנטשאָ - און ווער איז דער יונגערמאַן ?
זעליג - דאָס איז מענדל, מײַן אייניקל.
פאַנטשאָ - זייער אײַנגענעם. וואָס וועט איר הײַנט קויפֿן ?
מענדל - מיר דאַרפֿן: צוויי קילאָ מערעלעך, זעקס קילאָ ציבעלעס...
זעליג - מענדל, פֿאַרגעס נישט די בולבעס.
מענדל - יאָ זיידע, וואַרט אַ מינוט.
נײַן קנאָבלען, איין סעלערי, זיבן קילאָ קליינע אוגערקעס...
זעליג - פֿאַרגעס נישט די בולבעס, מענדל.
מענדל - יאָ, יאָ זיידע. אַכט פאָמידאָרן, פֿיר מיט אַ האַלבן קילאָ עפּל און באַרנעס, צוועלף באַנאַנעס, פֿינף קילאָ מאַראַנצן, דרײַ קילאָ טרוסקאַפֿקעס, קאַרשן, אַ קילאָ גרינע ווײַנטרויבן...
זעליג - מענדל, פֿאַרגעס ניט די בולבעס.
מענדל - איך פֿאַרגעס נישט זיידע. גיט מיר אויך אַ ביסל פעטרישקע, אַ קעסטל מיט אַכצן אייער...
זעליג - און אַ זעקעלע צוקער.
מענדל - גוט, דאָס איז אַלץ. וויפֿל דאַרפֿן מיר באַצאָלן ?
פאַנטשאָ - פֿינף הונדערט און זיבעציק פעזעס.
זעליג - אַ דאַנק, הער פאַנטשאָ.
פאַנטשאָ - נישטאָ פֿאַרוואָס.
מענדל - זיידע... איך מיין אַז מיר האָבן עפּעס פֿאַרגעסן
זעליג - פאַנטשאָ, מיר ווילן זעקס קילאָ קאַרטאָפֿל.
פאַנטשאָ - איר ווילט בולבעס אָדער קאַרטאָפֿל ?
זעליג - אוי פאַנטשאָ, וואָס עפּעס בולבעס אָדער קאַרטאָפֿל ? עס איז דאָך די זעלביקע זאַך !!